„RADOMER-KIELCER-LEBEN" № 39 (127) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" [illegible] פרייז 25 גראָשען

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

הײַנט 2 זײַטען.

אדרעסען:
פון „ראַדאָמער-קעלצער לעבען"

אין ראַדאָם:
Pedakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben"
Radom, Szwarlikowska 20.

אין קעלץ
Redakcja i Administracja
„Radomer-Kielcer Leben"
Kielce, Staro-Warszawska 34.

אַנאָנסען פרייז:
איין מילימעטער שורה: פאַר'ן טעקסט 20 גר.
„ 40 „ אין
„ 10 „ נאָכ'ן
די ערשטע זייט ענטהאַלט 8 שפאַלטען
אין טעקסט אױלעצטע זייט 4 שפּאַלטען.

22 go września 1926 r. ראַדאָם כיטוואָך י"ר תשרי תרפ"ז [illegible] פאַר'ן אינהאַלט פון טעקסט אין די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פעראַנטוואָרטליך

עלעקטרישע אַרטיקלען ווי זשירנדאַלען, זשאַרוהיקעס, צו קאָנקורענץ פרייזען בײַ
מ. ווערטהיים, וואַלאָווע 2.

אַ גמר וחתימה טובה
אין אַ גוט יאָהר, ווינש איך מײַן ליבע מוטער, שוועסטער, ברידער, שוואָגער, שוועגערין, קרובים קאָלעגען, פריינד און בעקאַנטע.
וואַרשאַ. אלי' לערמאַן.

צום אָבפאָהר פון מײַן פרײַנדין פר"ל סאַראַ שפּאַדע אין צווײַ שוועסטערן נאָך אַרגענטינע, ווינש איך אַ גליקליכע רייזע און אַ בליהענדע יוגענטליכע צוקונפט אין נייעם לאַנד.
פיניע פּאַטאַזשניק

די ליקווידאַציע קאָמיסיע פון קאָאָפעראַטיוו „פּיעקאַרזש"
ביים יודישן בעקער מײַסטער-פערײַן אין ראַדאָם, מעלדעט, דאָס זונטאָג דעם 3-טן פאַזדזשיערניק 1926, קומט פאָר אין לאָקאַל פון האַנדווערקער-קלוב, וואַל 59
די אַלגעמײַנע פערזאַמלונג פון די מיטגלידער
אויף וועלכער ס'דאַרף בעשטעטיגט ווערען די ענטגילטיגע ליקווידאַציע פון קאָאָפעראַטיוו.
די ליקווידאַציע-קאָמיסיע.

בעקאַנטמאַכונג
עלטערן — אַכטונג
דער לאַנג בעוויסטער שול—אינהאַבער אברהם אלי' צוקער מאַכט בעקאַנט דאָס ג' פובליקום פון ראַדאָם, אַז פון דעם נייעם זמן אָן, האָב איך בעגײַען מײַן טעטיגקײַט אויפ'ן געביעט פון קינדער-ערציהונג און עפענען אויף אַ שולע אויף קאָשטשעוזקאַ גאַס № 4, וואו עס וועט ווערען געלערענט אַלע יודישע למודים, ווי אויך וועלטליכע למודים מיטן אָנטייל פון פעהיגע פעדאַגאָגישע קרעפטען. אזוי לעהרער, ווי אויך מלמדים. איך פערהאָף, דאָס אזוי ווי ביז יעצט, אזוי אויך אויף ווייטער, וועלען מיר די עלטערן שענקען זייער צוטרוי און שיקען זייערע קינדער אין מײַן שולע, ווי זיי וועלען ערריכען זייער פערלאַנגטען ווינש.
ברגשי כבוד אברהם אלי' צוקער.
בעמערקונג: קינדער פון 6 יאָהר אָן ווערען צוגענומען פון דעם ערשטען טאָג חוה"מ אין לאָקאַל פון שולע קאָשטשעוזקאַ 4.

בעקאַנטמאַכונג
די געזעלש. „עזרה" מאַכט בעקאַנט איהרע מיטגלידער, ווי אויך פון די אָבטיילונגען „בית—לחם" און „ליגת—הצדק", אַז זונטאָג דעם 2-טען טאָג חו"מ סוכות (27 סעפטעמבער) אום 4 אזייגער נ. מ. אין אייגענעם לאָקאַל (דלוגאַ 11) קומט פאָר
אַ אַלגעמײַנע פערזאַמלונג
מיט'ן צוועק צו וועהלען אַ נײַע פערוואַלטונג.
בעמערקונג:
ביי אַ נישט גענוגענדע צאָהל פערזאַמעלטע וועט די זעלבע פערזאַמלונג פאָרקומען אין אַ צווייטען טערמין איג'ם זעלבען טאָג 6 אזייגער אָוונד בײַ יעדע צאָהל אַנוועזענדע.
פערוו. פון געזעלש. „עזרה" אין ראַדאָם.

Kino „ODEON" w Radomiu.
הײַנט און יעדען טאָג
Uroda Życia
דראַמע אין 12 אַקטען אין די הויפּט-ראָלען
Józef Węgrzyn i Marja Brydzińska.

Bank Spółdzielczo Kredytowy
— w KOZIENICACH. —
załatwia solidnie i szybko wszelkie inkaso na Kozienice za minimalną prowizję.

Szkoła frebIowska
E. Gostyńskiej
Witolda 9.
przyjmuje zapisy codziennie w lokalu frebIówki od godz. 11 — 2.
Zajęcia rozpoczynają się 3-go października.
Dla starszych dzieci komplet przygotowawczy.

בעקאַנטמאַכונג.
איך האָב די עהרע בעקאַנט צומאַכען דעם ראַדאָמער פובליקום דאָס איך עפען אויף מאַריאַצקע-גורקע № 5 אַ מאָדערנע חדר פערזעהן מיט אַלע בעסטע פעדאַגאָגישע קרעפטען פון אָנפאַנגער ביז גמרא פירוש תוספות, פאַרטראַגען פון תנ"ך וועט ווערען געגעבען אויף עברית בעברית ס'וועט ווערען געלערענט העברעאיש אויך פויליש לויט פראָגראַם שקאָלנע.
מיט אַכטונג מ. י. פעלל מאַריאַצקע-גורקי № 5.
בעמערקונג: תלמידים ווערען צוגענומען פון 1 טען טאָג חול המועד סוכות פון 12 – 9 פריה און פון 6 – 2 נ. מ.

בעקאַנטמאַכונג.
די דירעקציע פון קאָעדוקאַציאָנע-גימנאַזיום „Przyjaciół Wiedzy" אין ראַדאָם, מאַכט בעקאַנט, דאָס דעם 3/X ה. י. 8.45 אין דער פריה, הויבען זיך אָן די למודים אין דער פאָרבערייטונג'ס-קלאַס.
קאַנדידאַטען ווערען נאָך אָנגענומען.
דער שכר למוד איז 20 זל. אַ חודש.
די עלטערן ווערען געבעטען זיך צו מעלדען אין דער קאַנצעלאַריע, קילינסקי 13, אום צו ערלעדיגען די נויטיגע פאָרמאַליטעטען.
די דירעקציע.
ראַדאָם, דעם 21/9 1926.

## דער וואהל — רעזולטאט צום ראט פון דער קראנקען — קאסע.

זונטאג, דעם 19/9 ה. ת. 2 אזייגער מיט 30 מינוט ביינאכט, האט די הייפט וואהל קאמיסיע פערענדיגט דאס איבערציילען די צאהל אבגעגעבענע שטימען פון די פערזיכערטע און ארבייטס געבער אין קעלץ און די פראווינצער אבטיילונגען, וועלכע האט געגעבען פאלגענדען רעזולטאט:

פערזיכערטע:

ליסטע נומער .1 פוילישע אונאבהענגיגע סאציאליסטען פון 854 אבגעגעבענע שטימען האט בעקומען 7 מאנדאטען, ליסטע נומער 2 פון די פ.פ.ס. פון 927 אבגעגעבענע שטימען האט בעקומען 11 מאנדאטען, ליסטע נומ. 3 נ. פ. ר., כ. ד. און נ. ד. פון 899 אבגעגעבענע שטימען האט בעקומען 11 מאנדאטען און ליסטע נומער 4 פון די פעראייניגטע יודישע קלאסען-פאראיינען פון 147 אבגעגעבענע שטימען האט בעקומען 1 מאנדאט.

ס'איז אויסגעוועהלט געווארען ה' מ. צעמבערקאוויץ. ווען די ליסטע № 4 וואלט געהאט נאך 15 שטימען, וואלט זי געווען בעקומען נאך א מאנדאט.

ארבייטס-געבער:

ליסטע נומער .1 יודישע האנדווערקער פון די 116 אבגעגעבענע שטימען, האט קיין מאנדאט נישט בעקומען, צוליעב דעם, וואס אויף די וואהל-צעטלען זענען געווען אויפגעשריבען אלע נעמען פון די קאנדידאטען, וואס איז לויט די וואהל—פראצעדור נישט ערלויבט, איז די ליסטע געפסלט געווארן.

ליסטע נומער .2 די פוילישע פעראייניגטע ליסטע, פון די 638 אבגעגעבענע שטימען האט בעקומען 10 מאנדאטען.

ליסטע נומער .3 יודישע סוחרים און הייז-ווירטען, פון די 300 אבגעגעבענע שטימען האט בעקומען 5 מאנדאטען. ס'זענען אויסגעוועהלט געווארען די ה"ה: הערמאן לעווי, ראטמאן, וואגייסקי ב., שמולעוויץ און ב. לעוו.

אין אלגעמיין איז דער טאג אדורך זעהר רוהיג.

לויט די וואהל—פראצעדור, אויב ס'וועט אין פערלויף פון 14 טאג נישט אבגעגעבען ווערען קיין שום פראטעסטען, פון וועלכען צו פ'זאל נישט זיין, וועט מען באלד צוטרעטען צו די וואהלען פון א פערוואלטונג, רעוויזיאנס—קאמיסיע א. אז. וו.

---

## פון חדר מזרחי „יבנה".

דאס חדר מזרחי „יבנה" (מארק 15) וועלכעס האט דורך דער קורצער צייט פון זיין עקזיסטענץ (ס"ה עקזיסטירט דאס חדר 5 חדשים) געמאכט א געוואלדיגען פראגרעס אויף יעדען געביט און ארויסגערופען א אונגעהויערע צופרידענהייט ביי די סימפאטיקער בכלל און ביי די עלטערען בפרט, האט צום נייעם שול—יאהר, שטרעבענדיג איינצושטעלען דאס חדר אויף דער העכסטער פעדאגאגישער הויך: געענדליך רעארגאניזירט דאס חדר, אנגאזשירענדיג א לעהרער—פערסאנאל פון ערשטקלאסיגע פעדאגאגישע קרעפטען. דאס איז די בעסטע גאראנטיע, אז דאס חדר „יבנה" וועט זיין די מוסטערהאפטע לעהר און ערציהונגס — אנשטאלט אין אונזער שטאדט.

דאס פראגראם איז, אויסער די אלגעמיינע לויט'ן מלוכה'שען פראגראם— די יידישע למודים ווי: 1) חומש—רשי, משנה, גמרא מיט תוספת, ש"ס און אגדה. 2) גרינדליך די העבּרעאישע שפראך, יודישע געשיכטע און ליטעראטור. פון די אלגעמיינע למודים: דער פולשטענדיגער קורס פון 4 קלאסען גימנאזיום.

דאס חדר וועט, אזוי ווי יעדע פאלקס—שולע עפענען יעדעס יאהר א נייע קלאס ביז דער 7-טער קלאס איינשליסליך.

ס'וואלט זעהר כדאי געווען, אז די יודישע בעפעלקערונג אין קעלץ, און אין דער ערשטער רייהע די נאציאנאלע שיכטען, וועלכע אזא מ'ן שולע ווי „יבנה" איז טייער, זאלען זיך פעראינטערעסירען מיט'ן מאטעריעלען גורל פון דער שולע, אין וועלכען ס'איז אבהענגיג דער ווייטערדיגער פראגרעס פון דעם חדר.

אויך די יודישע קהלה, אין וועלכע ס'זענען פערטרעטען א מעהרהייט פון די נאציאנאלע עלעמענטען. דארפט אויך נישט פערגעסען אין די איינציגע יודישע נאציאנאלע שולע ווי „יבנה" און אויב זי ניעט שטיצען אויף יעדען געביט, דארפט זי לכל הפחות אויסצאהלען די סאר דעם חדר „יבנה" דורכ'ן מיגיסטעריום בעשטעטיגטע סובסידיע.

---

## פון היגען יודישען טעאטער.

שוין צוויי וואכען, ווי ביי אונז שפילט א יודישע טרופע אונטער דער לייטונג פון ארטיסט ל. ביאלקאוויטש מיט די בעליבטע ארטיסטען ה' ווינער, טרוי ביאלקאוויטש, ליובארטאוויסקא. די טרופע האט נעשטילט איינינע פארשטעלונגען. וועלכע זענען אדורך מיט גרויס ערפאלג. ווי מיר דערוויסען זיך, האט די טרופע צוגעגרייט אויף יום—טוב א זעהר שעהנעם רעפערטואר פון די גייעסטע פיעסען. ס'איז אויך צו אנגאזשירט געווארען דאס גוט בעקאנטע פארל: צווילין, פרוי קאליש און די יונגע סוברעטען פרל' מאדושא, ווי אויך דער יונגער פאט-קאמיקער ה' נויווערט. ס'איז צו האפען. אז דאס קעלצער פובליקום וועט אונטערשטיצען און געבען איהר די מעגליכקייטען אויף נאך יום—טוב צו פערבלייבען דא ביי אינז אין שטאדט.

---

## פון ספארט-קלוב „מכבי"

מאנטאג, דעם דריטען טאג חול-המועד סוכות, דעם 27/9 ווערט אין טעאטער „פאלסקי" אויסגעפיהרט דורכ'ן דראמאטישען—קרייז ביים ספארט קלוב „מכבי" די קאמעדיע „דאס גרויסע געווינס" פון שלום-עליכם, וועלכער איז מיט 3 יאהר צוריק געשפילט געווארען לטובת דער יודישער ביבליאטעק מיט'ן גרעסטען ערפאלג.

ס'איז צו האפען, אז די יודישע בעפעלקערונג אין קעלץ וועט די פארשטעלונג בעזוכען.

---

מיר דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל דעם פרעזעס

ה' ד"ר יעקב שאטץ צוליעב'ן טויט פון זיין

# מוטער נ. ע.

אין דער פיזישער אויפלעבונג פון אונזער פאלק זאלט איהר אייער טרייסט געפונען.

די פערוואלטונג

פון יודישען ספארט קלוב „מכבי"

אין קעלץ.

---

מאנטאג, דעם 27-טען ז. מ.

דעם דריטען טאג חול המועד סוכות 8.30 אוענד

ווערט אויסגעפיהרט אין טעאטער „פאלסקי"

די בעוואוסטע קאמעדיע פון שלום—עליכם

# „דאס גרויסע געווינס"

דורכ'ן אמאטערען קרייז ביים „מכבי".

בילעטען צו מעסיגע פרייזען בעקומט מען ביים ה' ניוסינאוויץ לאנגע גאס (וויין-געשעפט) און אין טאג פון דער פארשטעלונג ביי דער קאסע פון טעאטער.

---

Gimnazjum żeńskie

# STEFANJI WOLMANOWEJ

*w Kielcach*

**z prawami szkół państwowych**

איינשרייבונגען פון נייע שילערינס אויפ'ן שול-יאהר 1926/27 נעמט אן די קאנצעלאריע טעגליך פון 9 אזייגער פריה ביז מיטאג. — ביים איינשרייבען מוז ביינעלעגט ווערען א געבורטס-מעטריקע, צייגעניס פון פאקען-שטעלען און 10 זלאטעס איינשרייבונגס אבצאהל. דער אבצאהל פאר'ן עקזאמען פון יוסטעמפנע b ביז 3-טע קלאס בעטרעפט 5 זלאטעס פון 4-טע ביז 8-טע קלאס 10 זלאטעס. דער לעהרער אבצאהל איז פערקלענערט! און וועט בעטרעפען אין שול יאהר מאנאטליך

אין a און b קלאס 10 זלאטעס, אין c 15 זלאטעס, 1-טע קלאס 20 זלאטעס, 2-טע קל. 25 זל. 3-טע קל. 30 זל. דער אבצאהל פון 4-טע ביז 8-טע קלאס איז אן'ענדערונג.

פאר אונפערמעגליכע הנחות! די קאנצעלאריע איז אפן יעדען טאג

Redaktor i Wydawca CH. M. HERC

Odbito we własnej drukarni Radom Szwarlikowska 20.